בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום א' פ' שלח | י' סיון | תשע"א | פסחים: ס"ג:

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק האט מרן רבינו שליט"א געפראוועט שלחנו הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבות קטנות פון קרית יואל. נאך די פיש האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש פאר די בחורים בעניני קדושת שבת און קבלת התורה איז געווען בכפי', ס'איז אבער געווען אונסא וזוזי, די זוזי איז די קדושת שבת און די עונג שבת וואס כל חפציה לא ישוו לה.

מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם עקשטיין שליט"א רב דק' בונעס איירעס ארגענטינא, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר ארון לייב בערקאוויטש הי"ו שו"ב בקהלתיה"ק אין בני ברק.

ביי די תורה האט די רבי שליט"א געזאגט א דרוש אויף די מדרש "הרוצה לידע תחה"מ מן התורה יראה מצרים מצורעת כשלג".

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר ישראל זאב יאקאבאוויטש פון לאנדאן, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר שלום מאיר קעסטנבוים הי"ו פון בארא פארק, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ ר' משה טייטלבוים שליט"א דומ"ץ דקהלתינו הק' אין ירושלים עיה"ק.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק ר' אייזק'ל זידיטשויב'ער זי"ע וועמענס יארצייט עס איז געפאלן אום שב"ק. מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אליעזר אבראמאוויטש הי"ו פון בארא פארק.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויפ'ן פסוק בהעלותך את הנרות און אויסגעטייטשט בענין תפלה אויף לימוד התורה און מתפלל זיין אויף ערליכע קינדער תלמידי חכמים יראי ה'.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר ישראל יצחק הארטמאן הי"ו פון בארא פארק, הב'ן בן מוה"ר שלום פנחס שווארץ הי"ו פון מאנסי, הב' בן מוה"ר משה בער ווערצבערגער הי"ו פון מאנסי, און הב' בן מוה"ר ישראל פאלקאוויטש הי"ו.

פאר'ן דאווענן איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מנחם שמואל פרענקל הי"ו פון קרית יואל.

•

היינט נאכמיטאג האט האדמו"ר מ'טשערנאוויץ שליט"א אפגעשטאהט א באסוך בקודש פנימה ביי מרן רבינו שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה.

פארנאכטס האט דער רבי שליט"א באשיינט דעם מעמד הכנסת ספר תורה אין ביהמ"ד אוהל פיגא אין קרית יואל, וועלכע'ס איז אריינגעגעבן געווארן דורך הטפסר הרבני הנגיד מוה"ר שלמה קלאגסברוין הי"ו, ווי דער רבי שליט"א האט פאהרגעזאגט לדוד מזמור.

•

## תוכן דברות קודש
## פון חג השבועות העעל"ט

די ערשטע נאכט שבועות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די פסוקי מתן תורה, און אויסגעטייטשט בענין תפלה, וויפיל א איד דארף מתפלל זיין אויף לימוד התורה, און דער רבי האט מאריך געווען אויף די מדרש אז יעקב אבינו איז געווען ביי מתן תורה, ווייל געווענליך טראגן די מלאכים ארויף די תפלות צו השי"ת, אבער דא ביי מתן תורה אז די מלאכים האבן געהאט א טענה תנה הודך על השמים האט מען געדארפט האבן יעקב אבינו ער זאל ארויפטראגן די תפלות, און דער רבי האט דערמאנט דעם ייטב לב פ' וישלח וואס ברענגט אז יעקב אבינו איז גרעסער פון די מלאכים און זיי דארפן אנקומען צו יעקב אבינו.

•

דעם ערשטן טאג יו"ט בייטאג ביים קרעפל טיש האט דער רבי שליט"א געזאגט א פלפול אין די סוגיא פון חזקי' ורבי אבהו אין מס' פסחים וואס מען האט געלערנט אין ישיבה לכבוד יו"ט, און נאך א לענגערן פלפול האט עס דער רבי זייער שיין משלב געווען מיט עניני מתן תורה, מיט די באקאנטע מאמר פון חזקי' אין די גמרא אין שבת ארץ יראה ושקטה.

•

ביי די תורה ביים תנאים טיש נאך מנחה האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויף די פסוקי מתן תורה, און אויסגעטייטשט מיט א הקדמה פון מלא העומר אז יעקב אבינו מיט די י"ב שבטים זענען מכוון קעגן די י"ג מדות של רחמים, און דורך תושבע"פ איז מען מעורר די י"ג מדות של רחמים, און דער כח איז נאר שייך ביי אידישע קינדער, און מיט דעם זענען אידן סגולה מכל העמים.

•

די צווייטע נאכט יו"ט ביים טיש האט דער רבי שליט"א געטייטשט די חרוז ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד ופתחו וענו ה' אחד, מיט די באקאנטע ישמח משה אז תשובה העלפט אפילו סתם אזוי איז מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, ווייל דער אייבערשטער איז א מלך יחיד און די מלכות איז זיינס קען ער מוחל זיין, און ביי מתן תורה איז געווען א קטרוג אז אידן וועלן זינדיגן, דער תי' איז אבער אז אידן קענען תשובה טון ווער זאגט אז ס'העלפט תשובה פארדעם ופתחו וענו ה' אחד און דער אייבערשטער וואס איז א מלך יחיד קען מוחל זיין אויף זיין כבוד.

•

ביי די דברות קודש ביים נעילת החג טיש, האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויף די מדרש מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים ממ"ת, נאכברענגדיג א הפלא'דיג חתם סופר ווי אזוי האט משה רבינו מוסיף געווען יום א' מדעתו, ס'איז דאך געווען א תנאי אויב מען נעמט נישט די תורה די זעקסטע טאג פאלט די

וועלט צוזאם, נאר ווען אידן האבן געַנומען די תורה די זיבעטע טאג איז נאך געווען פלעצער בארצות המערב ווי למשל אין אמעריקא וואס איז נאך דעמאלטס געווען די זעקסטע טאג. און דער רבי האט מסביר געווען די ווערטער פון חתם סופר, אז די מחשבה פון יוצר בראשית איז ספעציעל געווען אזוי ווייל דאס האט געגעבן א כח פאר אידן אז ווי מען וועט נאר נישט אנקומען במשך דעם גלות וועט מען האבן א כח צו האלטן די תורה און עוסק זיין בתורה מכח דעם וואס ביי נתינת התורה האט מען זיך גערעכנט מיט די מקומות.

࿐•࿐

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**